# שיחות ודברות קודש לפרשת תצוה משנת תשע"ג לפ"ק

## בדינער לטובת הבית חינוך לבנות 'בית יעקב' דקהלתנו הק' בבארא פארק

יום ב' פרשת תצוה תשע"ג לפ"ק

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסן די אלע וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין אין די החזקה פון אונזער מוסד, די בית יעקב אין בארא פארק. עס איז א מוסד וואס ווערט אנגעפירט מיט אמת'דיגע געטריישאפט, מען טוט נישט קיין שום זאך אליין, נאר מען שמועסט עס איבער פאר דעם. איך ווער אסאך מאל נתפעל ווי אזוי די יונגעלייט לייגן זיך אריין, סיי אין כלליות פון דעם מוסד, און סיי אין פרטיות פון די קינדער וואס ווערן נתחנך דארטן. עס איז באמת א מוסד וואס איז לשם ולתפארת. עס איז א גרויסער זכות צו האבן א חלק אין די החזקה פון דעם מוסד.

**מען** רעדט אין די פרשיות, פון בויען דעם משכן. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, דער אייבערשטער האט אונז געהייסן מען זאל בויען א מקדש, וואו דער אייבערשטער וועט רוהען דארטן, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר די פארעם פונעם משכן מיט די כלים, וכן תעשו (שמות כה-ח) אזוי זאלט איר טון. אין מפרשים שטייט, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל, וואס דער פשט דערפון איז, אז דער משכן איז געווען א סימבאל וואס מען זאל זיך אראפלערנען דערפון, ווי אזוי מען מאכט אז זיין שטוב זאל זיין א מקום פון השראת השכינה. די תורה זאגט, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן, קוק אן די פארעם פונעם משכן, וכן תעשו, אזוי זאלט איר נאכטון. פון יעדע כלי וואס איז געווען אינעם משכן לערנט מען אראפ א געוויסע נקודה וואס איז נוגע צו א אידישע שטוב.

**די** חשוב'סטע כלי וואס איז געווען אין בית המקדש, איז געווען דער ארון, וואס דארט זענען געווען די לוחות הברית. דער ארון איז געלעגן אין הייליגסטן פלאץ, אין קודש הקדשים, וואס דארט האט מען נישט געטארט אריינגיין א גאנץ יאר, נאר דער כהן גדול יום הקדוש ווען ער האט געטון די עבודה. אויף דעם ארון איז געווען דער כפורת, און איבער די כפורת זענען געווען שני כרובים. די גמרא (סוכה ה:) זאגט, אז די כרובים זענען געווען בצורת רביא, צורות פון קינדער. עס איז דא א דיעה אין די גמרא (יומא נד.), אז עס זענען געווען אין די צורה פון א זכר און א נקיבה. און די כרובים זענען געווען פניהם איש אל אחיו (שמות כה-כ), איינער איז געווען אקעגן איבער דעם צווייטן, סוככים בכנפיהם אל הכפורת, זיי זענען געווען איבערגעדעקט אויפן כפורת.

**די** גמרא (בבא בתרא צט.) שטעלט זיך אויף א סתירה. אין איין פסוק שטייט, אז די פנים'ער פון די כרובים זענען געווען פניהם אל הכפורת, און עס איז דא א צווייטע פסוק (דברי הימים ב ג-יג) וואס עס שטייט ופניהם לבית, אז די פנים פון די כרובים זענען געווען אויסגעדרייט צום שטוב. זאגט די גמרא, אז עס איז געווען א חילוק צו יודען זענען געווען עושין רצונו של מקום, צו נישט. בשעת עס איז געווען עושין רצונו של מקום, ווען מען האט זיך געפירט ערליך, דעמאלטס זענען די כרובים געווען פניהם איש אל אחיו. און אויב נישט, האבן זיך די כרובים אוועקגעבויגן, און זיי זענען געווען פניהם לבית. דאס איז געווען איינע פון די ניסים וואס איז געווען אין בית המקדש, אז די כרובים וואס זענען א דומם, א שטיק גאלד, האבן זיך געבויגן, אז אמאל איז געווען פניהם לבית, און אמאל איז געווען פניהם איש אל אחיו.

**דער** ענין דערפון איז, די תורה וויל אונז מיט דעם לערנען, אז מיר זאלן וויסן, אז מחנך צו זיין קינדער דארפן זיי זיין אין קודש קדשים. אז מען וויל האבן ערליכע קינדער, מען וויל האבן

ערליכע אידישע דורות, דארף מען וויסן אז מען דארף זיך אפזונדערן פון די גאס. און נישט נאר פון די גוי'אישע גאס, נאר די כרובים זענען אפילו נישט געווען אין די עזרה פונעם משכן, די כרובים זענען געווען אין דעם הייליגסטן פלאץ וואס איז שייך אויף דער וועלט, דארט האט מען אריינגעלייגט די כרובים. - אין דעם שטוב פון די כרובים איז נישט געווען גארנישט אויף דער וועלט, קיין שום זאך איז נישט געווען אין קדשי קדשים, נאר די לוחות הברית, דאס איז דער פלאץ פון די כרובים. ווען מיר זענען מחנך די כרובים, אונזערע קינדער, איז נישט דא עפעס אנדערש אויף די וועלט, נאר די תורה הק'. אלע אנדערע זאכן איז נאר, כדאי מען זאל קענען לעבן אין די תורה. מיר דארפן אויך האבן עניני עולם הזה, אבער דער ציל פון אונזער חינוך פון די קינדער איז, צו תורה. און דאס האבן אונז די כרובים געלערנט. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, וכן תעשו, אזוי ווי עטץ זעהטס אין בית המקדש, אזוי זאלט עטץ טון, די פלאץ פון די כרובים איז אינעם ארון.

**עס** קען אמאל זיין, אז די כרובים זענען אינעם ארון, זיי געפונען זיך טאקעביים קדשי קדשים, אבער דער קאפ איז נישט צו קוקן אויף די תורה, עס איז פניהם לבית, וואס עס טוט זיך אין שטוב, וואס עס טוט זיך אינדערהיים, וואס עס טוט זיך אינדרויסן אויף די גאס, מען איז אוועקגעדרייט פון די תורה הק', און דאס איז ווען עס איז אין עושין רצונו של מקום, ווען מען טוט נישט דעם רצון פונעם אייבערשטן, דעמאלטס זענען טאקע די כרובים וואו זיי געפונען זיך, אבער ער איז נישט דארט מיטן פנים. זיין גוף איז דארטן, אבער נישט די פנים. און דאס איז א עקסטערע עבודה, אז אפילו ווען א קינד געפונט זיך שוין אין א הייליגען מוסד, ער געפונט זיך שוין אין א קודש קדשים, אז מען זאל צו-פאסן דאס קינד, אז דער קאפ זאל זיין אל הכפורת, צו דעם ארון. וויסן אז תורה הק' דאס איז אונזער ציל אינעם לעבן, פירן א שטוב פון תורה, און אויסוואקסן ערליכע אידישע מאמעס, וואס אויף דעם וועג זאלן זיי מחנך זיין די קינדער. דאס איז דער ריכטיגער עושין רצונו של מקום.

**די** וועלט זאגט נאך פון **רבי מאיר שפירא זצ"ל**, דער **לובלינער רב**, אז דער פסוק (שמות כ-כ) זאגט, לא תעשון אתי, אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם. עס איז דא א לאו, אז מען טאר נישט דינען עבודה זרה, און מען טאר נישט מאכן קיין עבודה זרה. זאגט רש"י, אז דער פסוק האט דא צוגעשטעלט נאך א ענין, אז עס גייט ארויף אויף די כרובים. אז די כרובים וואס זענען געווען אין משכן, איז געווען געמאכט פון גאלד, און טאמער מען מאכט עס פון זילבער נישט פון גאלד, איז מען עובר אויף א לאו פון לא תעשון אתי אלהי כסף. האט רבי מאיר שפירא זצ"ל געזאגט, דא איז די איינציגסטע פלאץ וואס די תורה האט מקפיד געווען אז עס זאל זיין פון גאלד. אלע אנדערע כלים כאטש די הלכה איז, אז געוויסע כלים דארפן זיין פון גאלד, אבער אויב מען האט דאס געטוישט, און מען האט עס נישט געמאכט פון גאלד נאר מען האט עס געמאכט פון עפעס אנדערש, האט מען יוצא געווען. אויב מען האט געמאכט א מנורה וואס איז נישט געווען פון גאלד, האט מען יוצא געווען די מצוה פון מנורה, עס איז נישט מעכב קיין זהב. אבער ביי די כרובים איז דא א לאו אין די תורה, לא תעשון אתי אלהי כסף, מען טאר עס נישט מאכן פון כסף. ווייל די תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז מחנך צו זיין אידישע קינדער דארף מען אוועקגעבן גאלד! מען קען זיך נישט באגעניגן אז מען וועט געבן כסף, אדער מען וועט געבן נחשת. לא תעשון אתי אלהי כסף, די טייערסטע זאך וואס דו האסט אין דיין שטוב, די טייערסטע פארמעגן וואס דו האסט, דאס געב אוועק פאר די קינדער. די כרובים, די צורת רביא, דאס דארף זיין געמאכט פון גאלד, און נישט פון כסף אדער נחשת.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט די וואך (קכז. ד"ה והם), דער פסוק זאגט, מען זאל ברענגען די נדבת המשכן, והם יקחו את הזהב ואת התכלת ואת הארגמן ואת תולעת השני ואת השש (שמות כח-ה), אז די וואס זענען געווען די עושי מלאכה האבן גענומען די אלע זילבער און גאלד וואס מ'האט

געברענגט. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, דער אייבערשטער האט געהייסן אז יעדער זאל ברענגען נדבת המשכן פון אלע מינים וואס ער האט. ווער עס האט תכלת זאל ברענגען תכלת, ווער עס האט ארגמן, זאל ברענגען ארגמן און אזוי ווייטער. צום סוף האט ער אבער חייש געווען אז עס איז מעגליך, אז יודען וועלן נישט ברענגען אזויפיל וויפיל מען דארף האבן צו בויען דעם משכן. מען דארף אסאך זילבער און אסאך גאלד כדי מען זאל קענען אהערשטעלן דעם משכן, און אפשר וועלן יודען נישט ברענגען אזויפיל. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז יודען זאלן ברענגען וויפיל זיי זענען מנדב, און אויב עס וועט נישט זיין גענוג, וועט אריינקומען א ברכה אין דעם זהב און כסף, און אין דעם תכלת און ארגמן, אז עס וועט זיין גענוג, אז מען וועט קענען דערפון מאכן וואס מען דארף.

**און** דער **חתם סופר** ברענגט צו, אז דער **רמב"ן** (כח-ה) זאגט, אז מען האט נישט געהאלטן חשבון וויפיל געלט די עושי מלאכה האבן באקומען, וויפיל כסף און וויפיל זהב עס איז אריינגעקומען. מען האט זיך פארלאזט אויף זיי, כי באמונה הם עושים (מלכים ב יב-טז), מען האט געוויסט אז זיי טוען דאס געטריי. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז ער מיינט נאך א טעם פארוואס מען האט נישט נאכגעקוקט די עושי מלאכה, ווייל אזוי ווי מיר ווייסן אז א ברכה איז נישטא נאר ביי א דבר וואס איז סמוי מן העין, אבער א זאך וואס איז מנוי ומדוד קומט נישט אריין קיין ברכה דערין (תענית ח:), און דער באשעפער האט געוואלט, אז טאמער עס וועט נישט זיין גענוג, זאל קענען אריינקומען א ברכה, האט דער אייבערשטער געזאגט מען זאל עס נישט ציילן, כדי עס זאל קענען אריינקומען א ברכה אין דעם וואס מען ברענגט. אבער כדי אז עס זאל קומען א ברכה מוז דאך זיין קודם עפעס א יש, עס מוז דאך זיין א זאך אויף וואס עס זאל חל זיין די ברכה, [מען ווייסט אז ביי די נס פון חנוכה האט געדארפט זיין אביסל שמן, כדי עס זאל קענען אויף דעם חל זיין די ברכה (עיין טו"ז או"ח סימן תרע)], האט מען געדארפט ברענגען פון אלע מינים, אז עס זאל זיין אין משכן, און אויב עס וועט נישט זיין גענוג, זאל אויף דעם קומען די ברכה אז עס וועט נתרבה ווערן.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, והם יקחו את הכסף ואת הזהב, די עושי מלאכה זאלן נעמען אלע נדבת המשכן וואס מען ברענגט, און ועשו את האפוד און איך זאג ענק צו, אז וויפיל עס וועט זיין, וועט מען קענען מאכן. עס איז געווען א הבטחה פונעם אייבערשטן, אז מען וועט קענען מאכן די בגדים, און די איבריגע כלים וואס פעלט אויס אין בית המקדש. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ישראל קדושים הן (חולין ז:), יודען זענען הייליג, נישט נאר אז עס האט נישט אויסגעפעלט, אז עס זאל דארפן אריינקומען א ברכה אז עס זאל נתרבה ווערן, נאר עס איז געווען והמלאכה היתה דים והותר (שמות לו-ז), מען האט געברענגט אזוי סאך אז עס איז נאך איבערגעבליבן אויך. ווען יודען האבן געהערט, אז מען קען מאכן א מקדש פארן אייבערשטן, האט מען נישט געקוקט אויף גארנישט. יודען האבן אוועקגעגעבן וואס מען האט געהאט, כדאי צו בויען א משכן פארן באשעפער.

**און** דאס האט משה רבינו מתפלל געווען, און ער האט זיי געזאגט, איך געב זיי א ברכה, יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם, אז מען פירט זיך אזוי אויף, אז א יוד גיט אוועק אלעס וואס ער האט פארן אייבערשטן, זאל זיין ביי ענק אן השראת השכינה, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, ומעשה ידינו כוננה עלינו, ומעשה ידינו כוננהו (תהלים צ-יז). לויט דעם קען זיין, אז משה רבינו האט זיי אנגעווינטשן, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, ווייל ווען יודען האבן אוועקגעגעבן אזויפיל זילבער און גאלד צו בויען א משכן פארן אייבערשטן, באצאלט דער אייבערשטער נאכדעם צוריק, אז אנשטאט די געלט וואס מען האט אוועקגעגעבן פארן באשעפער, באצאלט דער אייבערשטער צוריק מיט גוטע קינדער. אז דו גיבסט אוועק דיין געלט פאר מיין שטוב, טוט דער אייבערשטער קע"ר נעמען פון דיין שטוב. און אז יודען האבן אוועקגעגעבן געלט נדבת המשכן, האט דער

אייבערשטער געבענטשט די שטובער פון אידישע קינדער. די גמרא (שבת לב:) זאגט דאך, וואס זענען מעשי ידיו של אדם, דאס איז בניו ובנותיו, די קינדער זענען מעשי ידיו. האט זיי משה רבינו אנגעוואונטשען יהי רצון שתשרה שכינה 'במעשי ידיכם', עס זאל זיין אן השראת השכינה אין מעשי ידיכם, אין די קינדער וואס מען איז מגדל און מחנך, זאל זיין דארטן השראת השכינה.

**יודען** קומען זיך צוזאם, און מען האלט אויס אזא חשובע מוסד, עס לערנען דארט די אייגענע קינדער, וואס מען האט אן אחריות מחנך צו זיין די אייגענע קינדער. און מען העלפט צו נישט נאר פאר די אייגענע קינדער, נאר מען העלפט צו פאר אנדערע קינדער, וואס עס איז ליידער דא אסאך שטובער וואס קענען נישט באצאלן דעם שכר לימוד פאר די קינדער, און וואס עס קאסט אויפצוהאלטן. ווען א יוד טוט פאר זיינע קינדער, און ער אויך טוט פאר יענעמעס קינדער, און ער טוט פארן אייבערשטן'ס וועגן, צאלט עס דער אייבערשטער צוריק נאכדעם ביי זיך אין שטוב, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז די אלע וואס האבן זיך משתתף געווען, זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן צו האבן. דער באשעפער זאל באצאלן פאר די וואס געבן זיך אפ מיט דעם מוסד, וואס געבן אוועק זייערע טייערע צייט שלא על מנת לקבל פרס, זיי געבן אוועק שעות אריכות אויף ארויסצוהעלפן מחנך צו זיין ערליכע אידישע דורות, זאלן זיי זעהן שמחות און נחת ביי זייערע קינדער. מען גייט דאך שוין אריין אין טעג וואס איז נאנט צו פורים, עס איז חודש אדר, א חודש פון שמחה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין שמחה וששון אין אלע אידישע שטובער. און מיר זאלן זוכה זיין צו די גרויסע שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.